YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i03

# GERECHTIGKEIT
# (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 3
January 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 3)

### Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

### Comments

*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/113

דערט ניט זוי זוכען, אז פאר די גרויסע מעהרצאהל ארבייטער וואלט א פינף-טאגיגע ארבייטס-וואך געווען א גרויסער געווינס.

פ. ק. — איהר לייענט די „גערעכטיג-קייט” און פרעגט אזעלכע קשיות, ווי דעם אדרעס פון דעם חעלטה-סענטער און נאך אזעלכע פראגען. מיר וועלען אייך ניט ענט-פערען, און אייך בעטען זיך באמיהען נאך אמאל איבערצולעזען יענע נומערען, אין וועל-כע עס איז געווען די נאטיצען, ארטיקלען און אדווערטייזמענטס וועגען דעם ענין.

פ. ג—מאן. — אייערע לידער האלטען מיר פאר ניט גוט גענוג פאר די „גערעכטיג-קייט”. שיקט צו אן אדרעסירטען און גע-סטעמפטען ענוועלאפ און מיר וועלען זיי אייך אפשיקען צוריק.

ל. זאק. — אייער עהרען-אבענט לעצטען דאנערשטאג, ווען איהר האט געשפילט אין פ. הירשביין'ס „פארוואָרפענעם ווינקעל”, איז געווען א שעהנער געזעלשאפטליכער אבענד. מיר דאנקען אייך ווירקליך פאר די איינלאדונג.

מיר מוזען אבער זאגען, אז און דער זעלבער צייט האט עס אונז דערמאנט אן דעם אמאלי-גען זאק, וועלכער האט גענומען די שוישפיל-קונסט גאנץ ערנסט, און איהם פארגליכען מיט דעם איצטיגען, און, נאטירליך, האט עס אונז געמאכט שטארק מיסגעשטימט. אזוי יונג, און שוין אזוי גיך, קען מען נור ריידען וועגען אייך, ווי איהר האט געשפילט מיט בלויז א פאר סיזאנען צוריק.

מ. ש. — אוממעגליך פאר אונז צו ער-פילען אייער פארלאנג, כאטש מיר וואלטען עס זעהר און זעהר געוואונשען.

אהן א נאמען. — פון אייער בריף אין ענגליש מוזען מיר קומען צום שלוס, אז איהר וואלט געטאן זעהר גוט, ווען איהר זעהט זיך מיט א גוטען דאקטאר, א נערוועז-ספעציא-ליסט. האפענטליך וועט איהר עס טאן וואס גיכער, בכדי עס זאל ניט ווערען צו-שפעט...

ט. ווינדי. — מיר געפינען גארניט אין אייער ארטיקעל, וואס זאל קענען זיין פון דעם מינדעסטען נוצען פאר די „יוניטי”. אייער פארשלאג ווענדעט זיך אן דער קאמיטע און דאס איבערגעבען צו דער פאר-וואלטונג פון די גרויסע מאסען, האלטען מיר פאר אונאויספיהרבאר. גרויסע מאסען קע-נען ניט טאן די פארוואלטונגס-ארבייט, און אויב יא א קאמיטע, מוז צוגעגעבען ווערען, אז די, וועלכע האט ביז איצט געטאן די אר-בייט, האט געטאן דאס בעסטע אונטער די אומשטענדען.

ה. טשענסער. — די באגריסונג איז אין גאנצען איבעריג. נאך מעהר איז, אויב עס איז מעגליך אזא זאך, די פאלעמיקע, וואס איהר האלט אן. דאס וואלט ניט געטאן קיין גוטס ניט אייך, ניט אייער יוניאן. מיר ווע-לען אבער גערן דרוקען די באריכטען פון דער טעטיגקייט און לעבען פון אייער יוניאן, ווען איהר וועט זיי צושיקען פון צייט צו צייט.

ז. רעזניקאוו. — עס איז ניט פון דעם מינדעסטען ווערט, און פאלגט אונז, פאר-בריינגט ניט אייער צייט, וועלכער איהר האט ניט צופיל, צו טאן עפעס, וואס איהר זייט אם מינדעסטען פעהיג צו טאן.

מ. צינקין. — פאר די בעלי מלאכות האט אייער בילד ניט קיין איינציגען שטריך, וואס זיי ווייסען אליין ניט. פאר די אויטסיידיגע וועלט האט דאס גאנצע בילד איבערהויפט ניט קיין אינטערעס. מיר זעהען דארום ניט אין דעם גרונד, ווארום איהר האט איהם אנגע-שריבען. נאך ווייניגער גרונד איז דא, ווא-רום מיר זאלען עס פארעפענטליכען.

דזש. ב. — וועגען דער פראגע איז גע-ווען פון דער זייט פון דער רעדאקציע א לענגערע נאטיץ מיט א צייט צוריק. דאן האבען מיר פארעפענטליכט א בריף, און געענט-פערט אויף איהם אויף דעם פלאץ. מיר גע-פינען ניט, אז אייער ארטיקעל זאל אויף דאס מינדעסטע קלארער שטעלען דעם ענין, אדער זאל באטראכטען די פראגע פון אן אנ-דער שטאנדפונקט. פאלגליך האלטען מיר זיך ניט בערעכטיגט צו פארנעהמען דערמיט דעם זעהר באשרענקטען פלאץ.


# זאָרגט פאַר אייער צוקונפט

יעדער רעכטדענקענדער מענש, יעדער פאמיליען-פאטער מוז האבען אין זינען די שפעטערע יאהרען און אפשפארען היינט צו האבען מארגען. יעדער מענש מיט איבערלעגונג מוז נעהמען אין אנבאטראכט די פאלגענדע וויכטיגע לעבענס פראגען:

**אויב** איהר האט אין זינען אייער צוקונפט און די פאלשטענדיגע פארזיכערונג פון אייער פאמיליע

## עפענט אן אינטערעסט אקאונט

אין באנק אוו יונייטד סטייטס, און זאל אייער געלד ארבייטען פאר אייך.

**אויב** איהר ווילט זיך פארזיכערען מיט אן אמת'ען פריינד אין אין א צייט ווען איהר ברויכט איהם

## ווערט א דעפאזיטאר היינט

אין די באנק אוו יונייטעד סטייטס און האט דעם פארגעניגען צו פיהלען אינדעפענדענט.

**אויב** איהר ווילט האבען דעם פולען פארדיענסט פון אייער געלד, צו וועלכען איהר זייט בארעכטיגט

## דעפאזיט אייער געלד

אין די באנק אוו יונייטעד סטייטס און איהר באקומט פולע

4 פראצענט אינטערעסט | 4 פראצענט אינטערעסט

# 4% פראצענט אינטערעסט 4%

פאר סומא'ס פון 100 דאלאר און מעהר.

די אפיסערס און דירעקטארען פון דיזער באנק, וועלכע זיינען מאנכע פון די גרעסטע מיליאנערען און פראמינענטעס-טע געשעפטסמענשען אין ניו יארק, האבען אין זינען די אינטערעסען פון אונזערע דעפאזיטארס. זיי זוכען ניט אזוי פיל זייער אייגענע פינאנציעלע איינקונפטע ווי צו זעהן אז יעדער פון אונזערע דעפאזיטארס זאל באקומען דעם

## גערעכטען טייל וואס זייער געלד פארדיענט

ווען די 6 מאנאטען אדער דאס יאהר איז פאראיבער און איהר רעכענט איבער אייער באנק-ביכעל פון די באנק אוו יונייטעד סטייטס וועט איהר האבען א געוויסען פארגעניגען צו זעהן, אז (4) פיער פראצענט אינטערעסט מאכט אויס א סך מעהר געלד פאר אייך, ווי ווען איהר וואלט באקומען ווייניגער אינטערעסט.

## א דאלער מעהר פארדיענט איז א דאלער מעהר פארמאגט

פאנגט אן דאס נייע יאהר מיט א באנק אקאונט אין

# באנק אוו יונייטעד סטייטס

Member Federal Reserve System

5טע עוועניו און 32טע סטריט

דעלענסי ברענטש:
77 דעלענסי סט.

הארלעם ברענטש:
מעדיסאן עוועניו און 116טע סטריט

# קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

אפיס: 100 וועסט 21טע סט. — טעלעפאן 8427 וואטקינס

פראגראם

פון דעם

# קאנצערט

זונטאג, דעם 16טען יאנואר, 1 אוהר בייטאג

## אין קופער יוניאן

8טע סטריט און דריטע עוועניו

צו דער ארויסגעבונג פון בר. אב. ראזענבערג׳ס בוך „די קלאוקמאכער און זייערע יוניאנס״

מיס עסטעלע שריינער — — — — — — — — סאפראנא
מר. י. פיראזשניקאף — — — — — — קאנצערטינא
מר. אוגוסט ווערנער — — — — — — — — באריטאן

1) א. וויזידאיטע — — — — פוטשיני
ב. וויאום וויעטרי
ג. געה איך מיר שפאצירען
מיס עסטעלע שריינער

2) הונגאריאן ראפסאדי — ד. מאפפער
מר. י. פיראזשניקאף

3) א. היער מי יע וויגדס ענד וועיוום — הענדעל
ב. הידען לאוו — — — — גרעיג
ג. דהי אלד מאטהער — — גרעיג
מר. אוגוסט ווערנער

4) א. רוסישע פאלקס לידער
ב. אלי אלי
ג. שפאניש סאנג
מיס עסטעלע שריינער

5) ראשיען לולובײ
מר. י. פיראזשניקאף

6) א. דער דאפעל גענגער — שובערט
ב. טעל מי נאט א לאוולי לאסט — פארסייטה
ג. וואלגא באאטסמענ׳ס סאנג
מר. אוגוסט ווערנער

7) רעדנער: גענ. אב. קאהאן, ב. שלעזינגער, י. באראנדעס, מאיר לאנדאן, אב. באראף, י. פיינבערג, מאקס פיין און אב. ראזענברג.

טיקעטס פריי צו מעמבערס

צו באקומען אין אונזער אפיס: 100 וועסט 21טע סטריט, רום 303



# אין דאס נייע אידישע טעאטער

27טע סטריט און מעדיסאן עוועניו

דער גרעסטער יודישפילער אין דער גרעסטער ראלע

## שילדקרויט אין שיילאק!

דינסטאג אוונט, דעם 18טען יאנואר

וועט געשפילט ווערען שעקספיר׳ס

# דער קויפמאן פון וועניעדיג

רודאלף שילדקרויט אלס שיילאק

טיקעטס צו באקומען אין „פארווערטס״, אין רענד סקוהל, איסט 15טע סטריט, אין „קונדס״; אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, אין שטרונסקי׳ס קאפע, 2טע עוועניו און 13טע סטריט, אין גאטיג׳ס בוך־האנדלונג, אין מייזעל׳ס בוך־סטאר, אין סטוירגס דזשולרי סטאר און אין עפשטיין׳ס דראג סטאר.



# איהר דארפט ניט שטעהן אין ליין!

קויפט גלייך טיקעטס צום

# „צייט״ מאסקען באל

שבת אוונט, דעם 15טען יאנואר

— אין —

מעדיסאן סקווער גארדען

טיקעטס 75 סענט — העט טשעק 25 סענט.

אונזערע פרייזען לעזט יעדען טאג אין „די צייט״



## דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאנגט!



לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פארדיענען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויסגעלערענט אונזער מעטאדע און יעצט פערדיענען די פיעל געלד.

נעהמט איצט א קורס

— אין די —

## מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקוהל מיינט א באלדיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול און גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען.
פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אבענד קלאסען.
גוטע בעדינגונגען.
שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, רעמאנסטריישאן און פולע אויסקינפטע.
אבענד קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

**MITCHELL DESIGNING SCHOOL**

912-920 BROADWAY (Cor. 21st), NEW YORK

Phone, Stuyvesant 8383

*Boston Branch*: 453 Washington Street, Dexter Building.



# לידיס טיילארס און סעמפעל מייקערס יוניאן לאקאל 3

## וויכטיגע באקאנטמאכונג

אלע מעמבערס פון פאראייניגטען לאקאל 3 (געוועזענע לאקאל 3 און 80) זיינען געבעטען צו נעהמען אין אכט אז די אפיסעס פון 9 וועסט 21טע סט. און 725 לעקסינגטאן עוו.

**האבען געמופט אין איין אפיס, 12 וו. 29טע סט.**

אלע מעמבערס זיינען דארום אויפגעפאדערט צו ברענגען זייערע קאמפליינטס, ווי אויך צאהלען זייערע דיוס אין דעם נייעם אפיס.

**ביי ארדער עקזעקוטיוו באארד לאקאל 3**